# עברית באידיש

בקולות וברקים — מיט דונערן און בליצן זענען אונזערע לאַנדסלײַט
עברית־ניקעס צוגעטראָטן צו זייער העברעאישן קאַמפּיין.

זיי, די „בטלנים", די „מלמדים", ווי מ'האָט זיי תמיד געשטעמפּלט,
האָבן באַוויזן, אַז זיי זענען שוין גאָר קיין בטלנים נישט. זיי האָבן פֿאַר־
שטאַנען דעם גייסט פֿון דער צייט, אַז אַן דעם גרויסן געפּילדער איז
ליאַרם ווערט דאָ גאָרנישט געבאָרן.

ס'איז היינט אַ צייט, ווען דער צנוע'דיקער טאָן, די פּיאַניסימאָ, איז
אויסגעשפּילט. דער „קול דממה דקה" איז פֿאַרשוואונדן. די תפֿילה־בלחש,
די שטילע שמונה־עשרה, זאָגט היינט קיינער נישט, אפֿילו נישט דער חזן.

ס'איז אַ דור של „דזשאַז". תקופֿת־הקעסעלפּויק...

בעיקר, דאַרפֿן מיר אידן מאַכן יעלות. ווייל מה־דאָך אין די שטילסטע
צייטן הערט מען אונז נישט, איז אַ פּשיטא שוין אין אַזאַ הו־האַ
פּעריאָד. דערפֿאַר דאַרף יעדער איד פֿאַרמאָגן אַ טענאָר אָדער אַ באַרי־
טאָן, מיט וועלכן ער זאָל קענען לכל־הפּחות בעמען די „אויבער־צע"...

„אַפּשריקען" איז אַן אַלטע אידישע סגולה, וועלכע מ'האָט באַנוצט צו
פֿאַרשידענע חולאת'ן. „אַפּשרייען", זאָגן אַלטע אידן, איז פֿיל בעסער
ווי „צוצולייגן אייז צום קאָפּ". ס'איז היינט בכלל אַן אָנגענומענער מיטל,
נישט בלויז פֿאַר חולאים, נאָר אויך פֿאַר פּאָליטיקער, און דאָס ווירקט.
דערפֿאַר האָט אונז דער פֿאַרשטאָרבענער הלל זלאַטאָפּאָלסקי ז"ל געלאָזט
בירושה אַ גוט־וואָרט:

„מצוה עלינו להרבות בטראַסק, כי גדול כחו של הטאַראַראַם!"

און אַזוי זענען זיי געקומען צו אונז, אונזערע עברית'ניקעס, מיט'ן
גאַנצן קלאַפּערגעצייג פֿון דער מאָדערנער רעקלאַמע, מיט קנאַל און
פּראַל:

— עברי, דבר עברית! איד, רעד העברעאיש!

* * *

העברעאיש איז תמיד באַטראַכט געוואָרן אַלס די באַלעבאָסטע, די
האַרנטע, די יחסנ'טע, די „מאַדאַם", בעת אידיש איז געווען די „שפּחה".
די דינסט, די „מויד". אָבער פֿאַרשוואונדן זענען די צייטן, ווען די דינסט
איז געשטאַנען ביים פּריפּעטשאָק און געקאָכט אַ געקעכץ. היינט איז די
דינסט די אמת'ע באַלעבאָסטע. זי פֿירט די באַלעבאַטישקייט. זי איז

אָפּטמאָל מער באַליבט פון דער באַלעבאָסטע גופא. און ביי אים אַליין, ביים באַלעבאָס (ס׳זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי ס׳טרעפט זיך), איז די דינסט אַמאָל מער נושא־חן ווי די באַלעבאָסטע אַליין...

אמת, אַז דער יסוד פון אידיש איז — העברעאיש. העברעאיש איז אייגנטלעך די מאַמע פון אידיש. און ווייל מ׳האָט ליב די טאָכטער האָט מען אויך האָלט די מאַמען.

דערפאַר האָבן די יעווסעקעס אַזוי ליב העברעאיש... זיי זוכן אויס וואו נאָר אַן אַלט העברעאיש וואָרט וואָס מ׳האָט אפשר אַמאָל געניצט און זיי פּלעכטן עס אַריין אין זייער אידיש. אָט געפין איך למשל אין „עמעס״ אַזאַ וואָרט: „לאַקעל־באַשער־לאַקעל״. הייגט גייט טרעפט וואָס איז דאָס פאַר אַ מין טערקיש. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ס׳איז דער היימישער „לכל־באשר־לכל״. צו וואָס־זשע דאַרף מען עס האָבן אין אידיש? נאָר אַז מ׳איז פאַרליבט אין העברעאיש איז דאָך נישט שייך. ווי זאָגט פאַניע: „ליובאָוו ניע קאַרטאָשקאַ!״

און מחמת דעם, וואָס אידיש פאַרמאָגט אַזאַ שפע פון העברעאישע ווערטער, איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ עשירות פון פאַרשידענע רעדענס־אַרטן און אידיאָמען.

נעמט, למשל, אַזאַ אומשולדיק וואָרט, ווי „בית־החיים״, „בית־הקברות״, אָדער „בית־עולם״. דאַכט זיך, אַז ס׳איז איינס און דאָס זעלבע. אָבער די באַגריפן זייערע אויף אידיש זענען דאָך אַזוי פאַרשידן. ס׳ווענדט זיך וואו דער חמור שטייט.

למשל: אויף אַ זיצונג פון דער „באָארד אָף דעפּיוטיס״ וואו מ׳באַטראַכט די פראַגע פון הילף פאַר פוילן — איז עס אַ „בית־החיים״. ס׳איז לעבעדיק. מ׳רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. אַז ס׳קומט אָבער צו דער פּראַקטישער אַרבעט, אַז מ׳דאַרף שאַפן געלט, ווערט דאָס אַ „בית־הקברות״. קיינער רירט זיך נישט מיט אַן אבר. קורץ: אַן אמת׳ער „בית־עולם״.

דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן העברעאישן רעדענסאַרט:

אַז אַ איד קומט קיין ארץ־ישראל, פרעגט מען אים:

— האדון כבר מזמן בארץ?

אויף פּראָסט אידיש הייסט עס: „לאַנג זענט איר שוין אין לאַנד?״

אָבער אַז איר זאָגט צו אַן העברעאישן לערער אין ענגלאַנד: „האדון כבר מזמן בארץ?״ דאַן האָט עס שוין אַן אַנדערן באַגריף. ס׳הייסט:

— לאַנג זענט איר שוין אַזוי אין דער אדמה?

אָט דאָס איז דער כח פון אונזער אידיש־העברעאישן סינטעז, פון דעם אידישן פירוש, וואָס מיר געבן צו צו דעם העברעאישן וואָרט.

ווי איר זעט, האָט העברעאיש מיט אידיש זיך תמיד געקענט צונויפ־

רעדן. זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן פאַרשטאַנען. די דאָזיקע פאַר־שטענדיקונג האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן כל־זמן מ׳האָט גערעדט העברע־איש אויף דער אשכנזי׳ישער הברה, אַז אַ „קמץ״ איז געווען אַ „קמץ״ און אַ „תיו״ אַ „תיו״. קוים אָבער האָט מען דאָס פּיסל פּונ׳ם „קמץ״ אָפּגע־בראָכן און אים געמאַכט פאַר אַ „פתח״, און דאָס פענסטערל פונ׳ם „תיו״ האָט מען פאַרשטאָפּט; מ׳האָט גענומען רעדן מיט דער ספרד׳ישער הברה, איז געשאַפן געוואָרן אַ מחיצה צווישן די ביידע לשונות.

נעמט, למשל, אַזאַ טייער וואָרט, אַזאַ גאָלדן וואָרט ווי — „ו י ז ת א״. אין ארץ־ישראל זאָגט מען בישט, ווי מיר אין גלות: וואַיזאָסאָ, נאָר — וואַיזאַטאַ און וואַיזאַטאַ איז שוין נישט וואַיזאָסאָ. אונזער „ויזתא״ האָט זיבן חנ׳ען און טויזנט טעמים. ער צעגייט פשוט אין מויל. אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט „וואַיזאַטאַ״?

פונדעסטוועגן, זוכן אידן זיך צוצופּאַסן און רעדן אידיש מיט דער ספרד׳ישער הברה. אָט האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף אַ היבש ביסל לאַנדאַנער סוחרים וואָס ווילן זיך איצט אויסלערנען זאָגן „ישקני״ אויף דער ספרד׳ישער הברה.

— פאַרוואָס עפּעס — פרעג איך — דוקא אויף דער ספרד׳ישער?

— ווייל אויף דער אשכנזי׳ישער — גיט מען מיר צו דערקלערן — האָבן זיי שוין אָפּגעזאָגט...

אָט זעט איר, אַז אין געוויסע קרייזן האָט דער העברעאישער קאַמ־פיין שוין געהאָט אַ פעולה.

* * *

הכלל, אַז איר ווילט מקיים זיין די מצוה פון רעדן העברעאיש און איר זענט נעבעך געשלאָגן אויף דער „עברי״, דאַרפט איר אייך נישט מוטשען און אָפּגיין מיט שווייס. איר קענט אייך גאַנץ געמיטלעך רעדן אידיש און איבאַייבוועגס אָפּגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם אַ גרויסן עולם העברעאישע ווערטער.

אַחוץ דעם איז אידיש אַ מחיה צו רעדן. ווי האָט געזאָגט ביאַליק: „העברעאיש רעדט מען און אידיש רעדט זיך!״ און נאָך עפּעס: מ׳פאַר־שטייט יעדעס וואָרט.

הקיצור: איידער צו רעדן אַ „טערקישן״ העברעאיש, איז שוין בעסער אַ היימישן אידיש.

א. מ. קייזער

# ביי אונז אין ווייטשעפל

## מעשיות און מעשה'לעך

לאנדאן 1944

פארלאג י. נאראדיצקי

# THIS WHITECHAPEL OF OURS

Humorous Sketches

by

A. M. KAIZER



דער מ ח ב ר — ווי דער מאָלער
אַ ל ו ו אַ האָט אים דאָס פנים
פאַרשוואַרצט.

# אינהאלט


זייט

**ווייטשעפל** (אַנשטאָט אַן הקדמה) .. .. 3

## אינעווייניק און אין דרויסן

פרילינג אין ווייטשעפל .. .. .. .. 9
צוויי גאַסן — צוויי מזלות .. .. .. 13
דער „ווייטשעפלער־עקספרעס“ .. .. .. 17
דאָס מזל פון אַן אָמניבוס .. .. .. 21
דאָרט וואו ס׳בולבעט זיך .. .. .. 25
אַז איר גייט אין אידישן טעאַטער .. .. 29
מ׳קלייבט חזנים .. .. .. .. 33
קורסן פאַר „הרי־את“ .. .. .. .. 36
דער „וואָטשער“ .. .. .. .. 39
„אויף דער געלערי“ .. .. .. .. 42
אַ אידישע פאַטשיילע .. .. .. .. 46
אַ פיעסע מיט אַ קנאַק .. .. .. .. 49
ס׳גייט אונטער .. .. .. .. .. 53

## פון אונזער געמויזעכץ

צווישן צוויי פייערן .. .. .. .. 61
פון מאַנטיק ביז מיטוואָך .. .. .. 65
עברית באידיש .. .. .. .. .. 68
ירוחם טענה׳ט זיך אויס מיט דזשאָן בול׳קע .. 71
משה רבינו אין לאָנדאָן .. .. .. .. 75

## צווישן אונז גערעדט


אודאי וויל איך חתונה האָבן .. .. .. 83
דער „ספּעשל קאַסטומער״ .. .. .. 87
איי, די מענער! .. .. .. .. 92
אין די לאַנגע נעכט .. .. .. .. 96
זייט אַ דזשענטלמען .. .. .. .. 100
ביי לייטן אַ מאַן .. .. .. .. 103
סדר־נשים — אָדער: פון אַ װאָרט אַ קוואָרט .. 108


## אין די יום-טוב'דיקע טעג


דער אלול־יאַריד .. .. .. .. 115
נאָך ראש־השנה .. .. .. .. 119
מאַלע וואָס אַ מענטש קוקט .. .. .. 123
איך שטעל אויף אַ סוכה .. .. .. 127
דער „נס־חנוכה״ פון לאָנדאָן־ברידזש .. .. 130
אַ חמשה־עשר'דיקע פייג .. .. .. 137
זיין מאַיעסטעט — דער מלך .. .. .. 142


## מלחמה'דיקס


ירוחם פירט מלחמה .. .. .. .. 151
אַ גאון'ישער אויפטו .. .. .. .. 156
ירוחם זאָגט נביאות .. .. .. .. 160
איך גיי קויפן אַ קריגסשיף .. .. .. 164


## וואס איז דער טייטש?


(אַנגליציזמען גענוצט אין דעם בוך) .. .. 169